# מלחמה אין אוקראַיִנע. טאָג-טעגלעכע ידיעות. 9טן מאַרץ 2022 10.00 פֿרי
## פֿערצנטער טאָג פֿון דער מלחמה

*(מיט די עלנבויגן קאָן מען זיך אַ מאָל דורכשלאָגן אַ וועג, נאָר ווײַט וועסטו ניט אַוועקגיין (ייִדיש ווערטל*

**סאַנקציעס.** די רוסישע בלאָקאַדע אַוואַנסירט, צילעוועט אויפֿן רוסישן אייל און גאַזאָלין סעקטאָר. די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן פֿאַרווערן דעם אימפּאָרט פֿון רוסישן אייל, פֿאַרשמעלצטן גאַזאָלין, און קוילן אלס חלק פֿון די סאַנקציעס קעגן רוסלאַנד. דער איסור גילט אויך אויף ווײַטערדיקע אינוועסטיציעס אינעם רוסישן ענערגיע־סעקטאָר, און אויך דערצו אויף אַלע אַנדערע טווּנגען וואָס זאָלן דעם סעקטאָר אונטערשטיצן. גרויס־בריטאַניע האָט אויך פֿאַרווערט רוסישן אייל. נאָך די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט די בריטישע רעגירונג געמאָלדן אַז זי האָט די כּוונה אויפֿצוהערן דעם אימפּאָרט פֿון רוסישן אייל ביז סוף 2022. רוסישע אימפּאָרטן רעכענען אָפּ אַן 8% פֿונעם גאַנצן בריטישן אייל־נאָכפֿרעג. דער אייראָפּעישער פֿאַרבאַנד האָט געמאָלדן פּלענער אַז מיטגלידער מלוכות זאָלן ווערן אומאָפּהענגיק פֿון רוסישן פֿאָסילן־ברענוואַרג פֿריער ווי 2030. הײַנט צו טאָג אימפּאָרטירט דער ע"פֿ 90% פֿון זײַן גאַזאָלין־פֿאַרניץ, פֿון וועלכן בערך 45% קומט פֿון רוסלאַנד, כאָטש די פּינקטלעכע צאָלן בײַטן זיך צווישן לענדער. רוסלאַנד פֿאַרזאָרגט אויך בערך 25% פֿון די אייל־אימפּאָרטן און 45% פֿון די קוילן־אימפּאָרטן.

דאָס פֿאַרייניקטע מלכות האָט נאָך דערצו פֿאַרערגערט די סאַנקציעס קעגן וולאַדימיר פּוטינס אַדמיניסטראַציע, פֿאַרווערט אַלע רוסישע לופֿטשיפֿן אַרײַנקומען אין בריטישן לופֿט־שטח און לאַנדן אויף זײַן טעריטאָריע. דאָס פֿ"מ האָט אויך אָפֿיציעל פֿאַרווערט עקספּאָרטירן אַוויאַציע- און קאָסמאָס־עקיפּירונגען קיין רוסלאַנד.

**אויסלאַנד־פּאָליטיק.** יאַפּאַן האָט אַרײַנגעלייגט דעם ענין פֿון די קורי אינדזלען אויפֿן אויסלאַנד־פּאָליטיק סדר־היום. די קורי אינדזלען געפֿינען זיך צווישן די רוסישן גרענעצן שוין זינט דעם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער וויכּוח אָבער באַווײַזט זיך ווידער מחמת דעם וואָס רוסלאַנד גייט ווײַטער אָן מיט פּרוּוון אָקופּירן אוקראַיִנע. דער יאַפּאַנישער פּרעמיער, פֿומיאָ קישידאַ, באַטאָנט אַז דער טעריטאָריאַלער וויכּוח פֿאָדערט נאָך אַ באַשייד.

וואַלדיס דאָמבראָווסקיס, דער עקסעקוטיווער וויצע פּרעזידענט פֿונעם ע"פֿ, וואָרנט אַז ס'איז מעגלעך וואָס רוסלאַנד וועט דערברייטערן זײַן מיליטאַרישע אַמביציעס צו די באַלטישע לענדער, די ליטע, לעטלאַנד, און עסטלאַנד, סײַדן מע האַלט אים אָפּ אין אַוקראַיִנע.

דער ע"פֿ וועט האַלטן אן אומפֿאָרמעלע זיצונג צווישן די ע"פֿ פֿירער פֿון מיטגלידער מלוכות אין פּאַריז דעם 10־11טן מאַרץ. די זיצונג וועט זיך קאָנצענטרירן אויף דער אָנגייענדיקער דיסקוסיע וועגן ע"פֿ שיך־מעגלעכקײַטן, פֿאַרמינערן ענערגיע־אָפּהענגיקײַט אין רוסלאַנד, און אויפֿבויען אַ שטאַרקערע עקאָנאָמיע אין שייך צו דער רוסישער קריג קעגן אוקראַיִנע. עטלעכע אוקראַיִנישע פּאַרלאַמענטאַריערס אָבער דאָך האָפֿן אַז די מיטגלידער מלוכות וועלן קומען צו אַ הסכּם־כּולם וועגן אוקראַיִנעס אַרײַנטריט אינעם ע"פֿ, כאָטש דער ענין איז ניט בפֿירוש אַרײַנגערעכנט אינעם סדר־היום. דער אידעען־צענטער אייראָפּע נאָוווּס האָט צוגעגרייט אַ קורצע טעקסט דערקלערן פֿאַרוואָס אוקראַיִנע פֿאַרדינט אַרײַנגאַנג אין ע"פֿ.

**אינטערנאַציאָנאַלע געמיינשאַפֿט.** דײַטשלאַנד האָט געמאָלדן אַז עס הייבט אָן אַן אויספֿאָרשונג איבער רוסישע קריג־פֿאַרברעכן אין אוקראַיִנע. לויט "דער שפּיגל" האָט פּעטער פֿראַנק, דער דײַטשער פּראָקוראָר גענעראַל, אויפֿגעשלאָגן אַן אויספֿאָרשונג איבער רוסלאַנדס באַניץ פֿון שפּליטער־אַמוניצע (באָמבעס און דאָס גלײַכן וואָס צעטיילן זיך אין קלענערע אַמוניצע), און דאָס באַשיסן פֿון ווין־בינינים, גאַזרער־ליניעס, און ערטער ווו מע פֿירט אַוועק נוקלעאַרן אָפּפֿאַל. שפּאַניע האָט אויך באַשלאָסן אויפֿצושלאָגן אַן אויספֿאָרשונג איבער פּאָטענציעלע "ערנסטע ברעכונגען פֿון אינטערנאַציאָנאַלן הומאַניטאַרישן געזעץ פֿון רוסלאַנד אין אוקראַיִנע."

**הומאַניטאַרישע קאָרידאָרן.** רוסיש מיליטער איז ווידער אָנגעפֿאַלן אויף דעם הומאַניטאַרישן קאָרידאָר, נישט לאָזנדיק אַז קינדער, פֿרויען, און זקנים זאָלן זיך עוואַקויִרן **פֿון מאַריופּאָל, דאָנעצקער ראַיאָן**. דער מצבֿ אין שטאָט האַלט אין פֿאַרערגערן. רוסלאַנד האָט אַטאַקירט דעם הומאַניטאַרישן קאָרידאָר, און עס האַלט אײַנוווינערס פֿאַר ערבֿניקעס דערפֿאַר. אַלס רעזולטאַט פֿון דער אָנגייענדיקער באַשיסונג און באַשרענקטן צוטריט צו עסן און וואַסער, איז אַ 6־יעריק מיידל ניפֿטר געוואָרן פֿון אויסטריקענונג אין מאַריופּאָל. אַ "גראַד BM-21" נויטיקע רעסורסן, אַזוי ווי האָט באַשאָסן אַ הומאַניטאַרישן הילפֿס־קאָנווױ. דאָ קענט איר לייענען ידיעות פֿון די וועלכע זייערע משפּחות בלײַבן אין מאַריופּאָל. אינעם **מיקאָלאַײַעווער ראַיאָן** האָבן רוסישע חיילות באַשאָסן אַ גרופּע יתומים־הויז אַרבעטערס, וועלכע זענען געגאַנגען בײַטן אַרבעטס־שיכטן. לכל־הפּחות דרײַ פֿון זיי זענען אומגעקומען אַלס רעזולטאַט, און צוויי אַנדערע זענען שווער פֿאַרוואונדיקט געוואָרן. מער ווי 3000 בירגער זענען עוואַקויִרט געוואָרן פֿון אירפּען, קיעווער ראַיאָן. בערך 5000 בירגער זענען עוואַקויִרט געוואָרן פֿון סומיער ראַיאָן און ווײַטערדיקע עוואַקואַציעס וועלן הײַנט פֿאָרקומען, מיט אויסלענדישע סטודענטן אַרײַנגערעכנט אין זיי. גאַנץ אין דער פֿרי האָט מען מודיע געווען אַן עוואַקואַציע פֿון בוכע, וואָרזעל, אַסטאָמליע, ענערגאָדאַר, אירפּען, באָרעדיאַנקע, מאַריופּאָל, איזיום, און וואָלנאָוואַכע, וועלכע וועט הײַנט פֿאָרגקומען.

**שטעט אונטער אַטאַק.** רוסישע חיילות האָבן פֿאַרברענט דעם שפּיטאָל אין איזיום, כאַרקיווער ראַיאָן. "איך האָב געמיינט אַז די שערי־הגיהנום האָבן סוף־כּל־סוף פֿאַרמאַכט, אָבער אַפּנים איז דאָס נאָר געווען דער ערשטער שטאָק. דאָס איז דאָס אויפֿנעמס־אָרט פֿון אונדזער שטאָטישען גענעראַלן שפּיטאָל. מסתּמה נאָך אַ סודותדיקער נאַטאָ באַזע. פּאַציענטן האָבן געפּרוּווט זיך אַרויסראַטעווען פֿונעם בויברעך אויף וויפֿל זיי האָבן נאָר געקענט" אַזוי האָט געשריבן וויצע בירגער־מײַסטער וואָלאָדימיר מאַצאָקין. קומענדיקע אַטאַקן וועלן ווײַטער צילעווען אויף ענערגיע־אינפֿראַסטרוקטור. אַ מיסל האָט אַ תּל געמאַכט פֿון 7 הײַזער און דערהרגעט 5 מענטשן, אַרײַננעמענדיק 2 קינדער, אין מאַלין, זשיטאָמירער ראַיאָן. אירפּען, וואָרזעל, בוכע, אַסטאָמליע, זאַבוכיע, און מיכײַליווקאַ־רובעזשיווקע, אין קיִעווער ראַיאָן, ווערן אַקטיוו אָנגעפֿאַלן דורך רוסישע חיילות. די שטעט זענען אויך אָפּגעזונדערט פֿון

שפּײַז־פֿאַרזאָרגונג. נישט געקוקט אויף דער רוסישער אָפֿענסיווע אין כערסאָן און דער אַרומיקער געגנט, פֿריידיקע דעמאָנסטראַציעס זענען ממשיך אין אָלעשקי, גאָלאַ פּריסטאַן, בערעזשאַנקע, און ווערכנעראָגאַכציע.

**ענערגיע־זיכערקייט.** אוקראַינע ריכט זיך אויף אָנשליסן זיך אין דער אייראָפּעישע ענערגיע־סיסטעם ENTSO-E במשך אַ וואָך, ווײַל דער סינכראָניזירונג־פּראָצעס איז כמעט פֿערטיק. IAEA האָט פֿאַרלוירן קאָנטאַקט מיט די קאָנטראָליר־סיסטעמען פֿון דער טשערנאָבלער נוקלעאַר-סטאַנציע (NPP), וועלכע בלײַבט אונטער רוסישן מיליטערישן קאָנטראָל. אַרבעטערס בײַ דער זאַפּאָראָזשיע נוקלעאַר-סטאַנציע בלײַבן נאָך ערבֿרניקעס דערינען און מע באַריכט אַז זיי ווערן געפּייניקט אין דער פֿאַבריק גופֿא דורך די רוסן. אַן אינסצענירטער ווידעאָ איז רעקאָרדירט געוואָרן, מסתּמה ווי אַ מין פּראָפּאַגאַנדע. איצט, בערך 500 רוסישע זעלנער און 50 שווערע מיליטער־משׂא־אויטאָס באַזעצן די נוקלעאַר-סטאַנציע גופֿא.

**ארויסציִונגען פֿון געשעפֿטן.** [שעלל](#) האָט אָפֿיציעל געמאָלדן אַז עס וועט פֿאַרלאָזן דעם רוסישן מאַרקטפּלאַץ און האָט מבֿטיח געווען אויפֿצוהערן קויפֿן רוסישן אייל און צו פֿאַרמאַכן גאַזאָלין־סטאַנציעס און אַוויאַציע און שמיראייל אָפּעראַציעס אין רוסלאַנד. מאַקדאָנאַלדס וועט צײַטווײַליק פֿאַרמאַכן 850 רעסטאָראַנען. אונילעווער וועט אָפּהאַלטן עקספּאָרטן קיין רוסלאַנד. באָלט איז אוקראַינע מנדבֿ 5 € מיליאָן און האָט אויך פֿאַרמאַכט אָפּעראַציעס אין בעלאַרוס. קאָקאַ־קאָלאַ און פּעפּסיקאָ האָבן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן רוסישע אָפּעראַציעס. אוניווערסאַל מוסיק גרופּ, דאָס גרעסטע מוזיק געשעפֿט אויף דער וועלט, האָט געמאָלדן אַז זיי וועלן אָפּהאַלטן אַלע אָפּעראַציעס אין דער רוסישער פֿעדעראַציע און וועלן אויך פֿאַרמאַכן זייערע דאָרטיקע ביוראָען.

**דיגיטאַלע זיכערקייט.** ווײַט פֿאַרשפּרייטע [פֿישן־אַטאַקן](#) (phishing) טרעפֿן אוקראַינע און פּוילן. גוגל רעפּאָרטירט אַז, לויט זיכערקייט פֿאָרשערס, שטאַמען די אַטאַקן פֿון בעלאַרוס און צילן זיי אויף פּוילישע מיליטערן און אוקראַאינישע באַאַמטע. דאָס איז אַ ראַיה אַז די בעלאַרוסישע ראָלע אין דער רוסישער אינוואַזיע באַשטייט אין מער ווי זײַן אַ זאַמלונגס־אָרט פֿאַר רוסישע חיילות.

**פֿאַלשע ידיעות און בילבולים.** רוסלאַנד האָט אויסגעטראַכט נאָך אַ תּירוץ מצדיק צו זײַן די אינוואַזיע פֿון אוקראַינע. מע זאָגט אַז [ריא נאָוואָסטי](#) רעפּאָרטירט אַז די רוסישע אָנפֿאַלן האָבן צענישטיקט אַ "גרויסע אָפֿענסיווע דורך אַטאַקירן גרופּעס אוקראַאינישע חיילות" וואָס האָבן געוואָלט באַפֿאַלן די כּמו־רעפּובליקן "ל.נ.ר." און "ד.נ.ר." אוקראַינע פּלאַנירט כּלומרשט, פֿאַרשטייט זיך, אַן אָפֿענסיווע אָפּעראַציע קעגן "ל.נ.ר" און "ד.נ.ר."

**פֿעלד־נאָטיצן.** אַלעקסאַנדר מיכעד, אַן אוקראַאינישער מחבר, האָט געשריבן אַן עסיי איבער זײַן גדאַנקען וועגן דעם מצבֿ אין זײַן היימשטאָט אַסטאָמליע, וואָס איז איצט שוין אָקופּירט און שווער אַטאַקירט, פֿאַרן פֿײַנאַנשל טײַמס (*Financial Times*). [בריוו פֿון אוקראַינע: די שפּראַך פֿון מלחמה.](#)

**סטאַטיסטיק:**
דער גענעראַל-שטאַב פֿון די אוקרײַנישע באַוואָפֿנטע כּוחות האָט דערקלערט די בערכֿדיקע אַבֿדות (פֿאַרלוסטן) פֿון דער רוסישער אַרמיי ביזן 9טן מאַרץ, 6 אין דער פֿרי: זעלנערס איבער 12,000, טאַנקן 317, פּאַנצערקאַמפֿוואָגנס (בראָנעוויקעס) 1070, אַרטילעריע סיסטעמען 117, זעניט־ אָדער אַנטלויפֿט־האַרמאַטן 56, עראָפּלאַנען 49, העליקאָפּטערס 81, פֿאָרמיטלען 482, גיכע שיפֿלעך 3, ברענשטאָף טאַנקען 60, אַליין-פֿליִענדיקע עראפּלאַנען 7.

**יעדע אַקציע העלפֿט, ווי קליין זי זאָל ניט זײַן:**

**שטיצט די אוקראַאינישע נאַטור־אויפֿהיט גרופּע, אַז זיי זאָלן קענען קויפֿן שפּײַז פֿאַר חיות כּדי אָפּצוהיטן פּאַרקן און די לעבעדיקע נאַטור אין אוקראַינע.**

**גיב אַ קוק אויף אַ וועגווײַזער [ווי אַזוי צו רעדן וועגן דער מלחמה אין אוקראַינע](#).**

**[קוועטש די פֿאַרבינדונג](#) פֿאַר אַ רשימה פֿאַרלאָזלעכע אָרגאַניזאַציעס וועלכע שטיצן אוקראַינע.**

**פֿאַרשפּרייט אײַער אייגענע מעשׂיות וועגן אוקראַינע־־אפֿשר זײַט איר אַמאָל געווען דאָרט אָדער איר האָט אוקראַאינישע חברים.**

**פֿאַרשפּרייט אינפֿאָרמאַציעס וועגן אוקראַינע.**
**פֿאַרסשפּרייט דעם אמת־־פֿאַרשפּרייט אָט די נאָטיצן און אָט דאָס וועבזײַטל.**

*אַ דאַנק פֿאַר אײַער הילף!*

*זאָל לעבן אוקראַינע!*